**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעזיגנירנדיג מאי אלץ 'עלטערע אמעריקאנער חודש'**

***אנאנסירט העכערע מאקסימום איינקונפט פון מענטשן וואס באקומען מעדיקעיר צו קענען זיין בארעכטיגט פאר דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם***

***די סטעיט וועט אנטוויקלען א ברייטע מייסטער פלאן פאר פארעלטערונג, ארויפבויענדיג אויף ניו יארק'ס שטאנד אלץ ערשטע עלטערע-מענטשן-פריינטליכע סטעיט, ווי דעזיגנירט דורך די AARP***

***לייענט די מעלדונג [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע]() דעזיגנירנדיג מאי אלץ דעם 'עלטערע אמעריקאנער חודש' אין ניו יארק סטעיט און אנערקענענדיג די געוואלדיגע וואלונטיר ארבעט וואס ניו יארק'ס עלטערע איינוואוינער טוהען, אוועקגעבנדיג איבער 495 מיליאן שעה'ן פאר קאמיוניטי סערוויס יעדעס יאר פאר אן עקאנאמישן ווערט פון 13.8 ביליאן דאלאר.

"עלטערע אמעריקאנער חודש איז א צייט צו פייערן די געוואלדיגע ביישטייערונגען וואס עלטערע ניו יארקער מאכן צו אונזער סטעיט'ס געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע ענווייראמענט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר באעהרן ניו יארק'ס עלטערע מענטשן פאר זייערע ביישטייערונגען, און מיר ווידערהאלן אונזער פארפליכטונג צו פארזעצן צו זושטעלן פאר עלטערע מענטשן אזוי ווי זיי פארעלטערן זיך, העלפנדיג זיי צו היטן אויף זייער זעלבסטשטענדיגקייט און אויף א גוטע קוואליטעט פון לעבן."

ניו יארק איז די פערטע אין לאנד אין די צאל מענטשן פון 60 און העכער, האלטנדיג ביי 4.6 מיליאן. ביז 2030 איז די באפעלקערונג ערווארטעט צו אנקומען צו 5.3 מיליאן. לויט די ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן (New York State Office for the Aging, NYSOFA) זענען דא 935,000 מענטשן פון 60 יאר און עלטער אין ניו יארק סטעיט וועלכע גיבן אוועק צוזאמען 495 מיליאן שעה אין קאמיוניטי סערוויס פאר אן עקאנאמישע ווערט פון 13.8 ביליאן דאלאר. פיר און זעכציג פראצענט פון מענטשן פון 60 און עלטער זענען די אייגנטימער פון זייערע היימער און האבן נישט קיין מארטגעדזש, ביישטייערנדיג צו די לאקאלע שטייער קאסעס, שטיצנדיג סקולס, לאקאלע ביזנעסער און די נאָן-פראפיט אינפראסטרוקטור. מענטשן פון 50 יאר און עלטער זענען פאראנטווארטליך פאר די מערסטע וואלונטירן, פילאנטראפיע, נייע ביזנעסער און געלט ביישטייערונגען אין די פאראייניגטע שטאטן — מער פון סיי וועלכע אנדערע גרופע פון די באפעלקערונג.

ניו יארק'ס פארעלטערונג סערוויסעס פראגראמען ווערן הויפטזעכליך צוגעשטעלט דורך די NYSOFA און דורך איר שותפות מיט 59 ארטיגע אגענטורן פאר פארעלטערונג (Area Agency on Aging, AAA) און כמעט 1,200 קאמיוניטי ארגאניזאציעס. די נעטווארק דינט איבער 1.3 מיליאן עלטערע מענטשן און זייערע פאמיליעס יערליך מיט איבער 20 פונדאמענטאלע סערוויסעס און נאך קאמיוניטי-באזירטע שטיצע

מיטלען, אריינרעכנענדיג פערזענליכע קעיר, טראנספארטאציע, לעגאלע סערוויסעס, קאונסעלינג, קעיס מענעדזשמענט, עלטערע מענטשן צענטער פראגראמען, רעספיט, פארמיידונג פון אביוז פון עלטערע מענטשן, הילף מיט בענעפיטן און ערנערונג סערוויסעס ווי היים-דעליווערטע מאלצייטן, געמיינזאמע מאלצייטן אדער אנדערע שטיצע פאר עסן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע מענטשן צייטווייליגער דירעקטאר, גרעג אלסען, האט געזאגט,** "די NYSOFA אפלאדירט גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים אנערקענען די ווירדע פון עלטערע מענטשן און מיטן פארשטיין אז פארעלטערונג איז א פראצעדור וואס געשעהט דורכאויס די גאנצע לעבן. אונזער ציהל איז צו אויפהאלטן אן אלגעמיינע קאמיוניטי אטמאספערע אריבער ניו יארק סטעיט, און אזוי אויך א סיסטעם פון סערוויס און שטיצע וואס גיבן געלעגנהייטן פאר אלע דורות פון ניו יארקער."

**צייטווייליגער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די דעפארטמענט פייערט עלטערע אמעריקאנער און די אומשאצבארע ביישטייערונגען וואס זיי מאכן יעדן טאג – און וואס זיי האבן געמאכט דורכאויס זייערע לעבנס – פאר ניו יארק סטעיט. צו זיכער מאכן אז מיר שטעלן צו קריטישע הילף אזוי ווי ניו יארקער פארעלטערן זיך, וועט אונזער 'מייסטער פלאן פאר פארעלטערונג' אריינרעכנען פאליסיס און פראגראמען וועלכע פארזיכערן אז די באדערפענישן פון עלטערע ניו יארקער – אזעלכע וועלכע דארפן מעגליך צוקומען צו לאנג-טערמיניגע קעיר סערוויסעס און שטיצע – ווערן אנערקענט און ערפילט. גאווערנער האקול האט כסדר ארויסגעוויזן איר ווייט-בליקנדע פירערשאפט מיטן אונטערנעמען די וויכטיגע איניציאטיוו צו פארבעסערן די קוואליטעט פון- און צוטריט צו- קריטישע פארעלטערונג פראגראמען און שטיצע."

די גאווערנער האט אויך אנאנסירט עטליכע איניציאטיוון וועלכע זענען אונטערוועגנס צו שטיצן עלטערע מענטשן און אלע מענטשן דורכאויס די לעבן:

- די סטעיט'ס 'מייסטער פלאן פאר פארעלטערונג' (Master Plan for Aging, MPA) ברענגט צוזאמען די געמיינזאמע מומחיות'שאפט פון 20 סטעיט אגענטורן פון וועלכע די MPA קאונסיל באשטייט, און אזוי אויך א 'פארמישטע-פארטייען אדווייזארי קאמיטע' (Stakeholder Advisory Committee) פון מומחים אין די תחום און א פראצעדור צו אננעמען קאמענטארן פון די פובליק צו אנטוויקלען די MPA. א גרופע פון אונטערשטע קאמיטעס פון די MPA האבן זיך אנגעהויבן טרעפן אין אפריל צו אידענטיפיצירן און ווייטער אנטוויקלען עקזיסטירנדע עלטערע מענטשן-פריינטליכע איניציאטיוון און צו פארשלאגן נייע איניציאטיוון צו גענומען ווערן אין באטראכט. יעדע פון די אונטערשטע קאמיטעס פון עקספערטן איז געווידמעט פאר א ספעציפישע נושא, אריינרעכנענדיג עקאנאמישע זיכערהייט, פארמאלע און נישט-פארמאלע קעיר, געזונטהייט און וואוילזיין, היים און קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס, האוזינג און לאנג-טערמיניגע סערוויסעס און שטיצע. זייערע רעקאמענדאציעס וועלן אריינגעלייגט ווערן אין אן ערשטיגע MPA אדווייזארי באריכט דעם זומער. די נוסח פון די עמטליכע MPA באריכט איז ערווארטעט צו ארויסגעגעבן ווערן אנהויב 2024.
- די NYSOFA ארבעט אויס איר פיר-יאריגע פלאן פאר די פעדעראלע רעגירונג וואס רעכנט אויס וויאזוי די NYSOFA און איר נעטווארק וועלן אדרעסירן פעדעראלע פריאריטעטן פאר עלטערע מענטשן אין עטליכע תחומים. די NYSOFA פלאנירט א סעריע פון סעסיעס צו אויסהערן קאמענטארן פון די פובליק אריבער די סטעיט איבער די פיר-יאריגע פלאן. ביי די סעסיעס וועט די NYSOFA אויך מיטיילן די רעזולטאטן פון א סטעיט-ברייטע קאמיוניטי אפשאצונג אנקעטע וואס האט באקומען איבער 20,000 אנטווארטן פון עלטערע מענטשן איבער די באדערפענישן פון די קאמיוניטי און פריאריטעטן פאר ערפאלגרייכע פארעלטערונג.

- ניו יארק סטעיט האט געהעכערט די מאקסימום איינקונפט וויפיל מענטשן וואס באקומען מעדיקעיר קענען פארדינען און נאכאלץ זיין בארעכטיגט פאר דעם מעדיקעיר סעיווינגס פראגראם (Medicare Savings Program, MSP). די מאקסימום איינקונפט אין 2023 זענען $2,280 פאר אן איינצלנער מענטש און $3,077 פאר א פאר. דער MSP העלפט עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע לעבן מיט א באגרעניצטע איינקונפט דורך באצאלן זייערע מעדיקעיר פּאַרט B פרימיומס און זיי אויטאמאטיש איינשרייבן אין Extra Help (באזונדערע הילף). די פינאנציעלע הילף קען זיין א רעטונג שטריק פאר די וועלכע זענען אייגעשריבן, זיי ערלויבנדיג צו אנהאלטן זייער מעדיקעיר דעקונג, צוקומען צו נויטיגע קעיר און זיך ערלויבן אנדערע באדערפענישן. די נארוואס-פארברייטערטער פראגראם איז געשאצט צו איינשפארן פאר די וועלכע באקומען עס ביז אזויפיל ווי $7,000 יערליך. אן אפליקאציע איז דא אויף די ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט'ס וועבזייטל [דא].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]